# סימני
# הסדר
## וזמירות לפסח
## והגדת לבנך

תלמוד תורה
דרכי אבות
צאנז - בני ברק
אהבת תורה • אהבת חברים • ידיעת התורה • יראת שמים
מידות טובות • יידישקייט • איידלקייט • חסידישקייט



לקבצים נוספים במאגר שלנו: hachiyayeda.org • אחיה - המרכז הרב תחומי להצלחת הילד
אחיה ידע
כלים ותוכן לימודי - חוויתי

# סִימָנֵי הַסֵּדֶר

## קַדֵּשׁ

וֶוען דֶער טַאטֶע קוּמְט אַהֵיים פוּן שׁיל טוּט עֶר זִיךְ אָן דֶע וַואסֶע קִיטְל אוּן מַאכְט שוין קִידוּשׁ, כְּדֵי דֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט הַאן שְׁלָאפְן אוּן קֶענֶען פְרֶעגְן דֶע פִיר קַשְׁיוֹת.

## וּרְחַץ

מְ'וַואשְׁט זִיךְ דֶע הֶענְט אוּן מְ'זָאגְט נִישְׁט אַ בְּרָכָה עַל נְטִילַת יָדַיִם, וַאל מְ'גֵייט נָאךְ נִישְׁט הֶעסְן דֶע סְעוּדָה.

לקבצים נוספים במאגר שלנו: hachiyayeda.org • אחיה - המרכז הרב תחומי להצלחת הילד

# כַּרְפַּס

מְ'נֶעמְט אַ שְׁטִיקֶעלֶע כַּרְפַּס וֶוינִיגֶער פוּן אַ
כְּזַיִת אוּן מְ'טוּנְקֶט עֶס אֵיין אוּן זַאלְץ
וַואסֶער, מֶעזָאגְט אַ בְּרָכָה בּוֹרֵא פְּרִי
הָאֲדָמָה, אוּן מְ'הָאט אוּן זִין צוּ פַּ'אטְרְן דֶע
מָרוֹר.

# יַחַץ

מְ'נֶעמְט דֶע מִיטְלְסְטֶע מַצָּה וָואס הֵייסְט
לֵוִי, אוּן מְ'צוּטֵיילְט עֶס אוֹיף צְוֵויי
שְׁטִיקֶלֶעךְ, דֶע גְרֶעסֶערֶע שְׁטִיקֶל לֵייגְט
מֶען אַוֶועק פַאר אַפִיקוֹמָן, און דֶע

אחיה ידע כלים ותוכן לימודי - חוויתי
לקבצים נוספים במאגר שלנו: hachiyayeda.org • אחיה - המרכז הרב תחומי להצלחת הילד

קְלֶענֶערֶע שְׁטִיקְל לֵייגְט מֶען צוּרִיק צְוִוישְׁן דֶע מַצוֹת.

# מַגִּיד

מְ'זָאגְט דֶע הַגָּדָה פוּן הָא לַחְמָא עַנְיָא בִּיז גָּאַל יִשְׂרָאֵל.

## מַה נִּשְׁתַּנָּה

**טַאטֶע לֶעבְּן, אִיךְ וִויל דִיר פְּיר קַשְׁיוֹת פְרֶעגְן**

**מַה נִּשְׁתַּנָּה הַלַּיְלָה הַזֶּה, מִכָּל הַלֵּילוֹת** (יצחק אונגר)

**דִי עֶרְשְׁטֶע קַשְׁיָא אִיז:**

**שֶׁבְּכָל הַלֵילוֹת** אַלֶע נֶעכְט פוּן אַ גַאנְץ יָאהְר,

**אָנוּ אוֹכְלִין** עֶסְן מִיר

**חָמֵץ וּמַצָּה** וִילְן מִיר הֶעסְן מִיר חָמֵץ,

וִילְן מִיר הֶעסְן מִיר מַצָּה.

**הַלַיְלָה הַזֶה** דִי נַאכְט פוּן פֶּסַח

**כּוּלוֹ מַצָּה** עֶסְן מִיר נֹאר מַצָּה.

**מַה נִשְׁתַּנָּה הַלַיְלָה הַזֶה, מִכָּל הַלֵילוֹת** (יצחק אונגר)

**דִי צְוֵייטֶע קַשְׁיָא אִיז:**

**שֶׁבְּכָל הַלֵילוֹת** אַלֶע נֶעכְט פוּן אַ גַאנְץ יָאהְר,

**אָנוּ אוֹכְלִין** עֶסְן מִיר,

**שְׁאָר יְרָקוֹת** אַנְדֶערֶע סָארְטְ גְרִינְצֵייג,

**הַלַיְלָה הַזֶה** דִי נַאכְט פוּן פֶּסַח,

**מָרוֹר** עֶסְן מִיר מָרוֹר.

**מַה נִשְׁתַּנָּה הַלַיְלָה הַזֶה, מִכָּל הַלֵילוֹת** (יצחק אונגר)

## דִי דְרִיטֶע קַשְׁיָא אִיז:

**שֶׁבְּכָל הַלֵּילוֹת** אַלֶע נֶעכְט פוּן אַ גַאנְץ יָאהְר,

**אֵין אָנוּ מַטְבִּילִין** טוּנְקֶען מִיר נִישְׁט אֵיין,

**אֲפִילוּ פַּעַם אֶחָת** אֲפִילוּ אֵיין מָאל אוּיךְ נִישְׁט,

**הַלַּיְלָה הַזֶּה** דִי נַאכְט פוּן פֶּסַח,

**שְׁתֵּי פְעָמִים** טוּנְקֶען מִיר אֵיין צְוֵיי מָאל,

אֵיין מָאל כַּרְפַּס אִין זַאלְץ וַואסֶער אוּן אֵיין מָאל מָרוֹר אִין חֲרוֹסֶת.

**מַה נִשְׁתַּנָּה הַלַּיְלָה הַזֶּה, מִכָּל הַלֵּילוֹת** (יצחק אונגר)

## דִי פֶערְדֶע קַשְׁיָא אִיז:

**שֶׁבְּכָל הַלֵּילוֹת** אַלֶע נֶעכְט פוּן אַ גַאנְץ יָאהְר,

**אָנוּ אוֹכְלִין** עֶסְן מִיר,

**בֵּין יוֹשְׁבִין** סֵיי זִיצֶנְדִיג

**וּבֵין מְסוּבִּין** אוּן סֵיי אָהן גֶעלֶעהְנְט,

**הַלַּיְלָה הַזֶּה** — דִי נַאכְט פוּן פֶּסַח,

**כּוּלָנוּ מְסוּבִּין** — זֶענֶען מִיר אַלֶע אָן גֶעלֶעהנְט.

**טַאטֶע לֶעבֶּן אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט פִּיר קַשְׁיוֹת,**
**בִּיטֶע עֶנְטְפֶער מִיר אַ תֵּירוּץ.**

# רָחְצָה

מְ'וַואשְׁט זִיךְ דֶע הֶענְט אוּן מְ'זָאגְט יָא אַ בְּרָכָה עַל נְטִילַת יָדַיִם וַואל מְ'גֵייט שׁוֹין הֶעסְן דֶע סְעוּדָה.

# מוֹצִיא

מְ'נֶעמְט אַלֶע דְרֵיי מַצוֹת בֵּיי דֶע הֶענְט אוּן מְ'זָאגְט אַ בְּרָכָה הַמּוֹצִיא לֶחֶם מִן הָאָרֶץ.

# מַצָּה

מְ'לָאזְט אוֹיס דֶע אוּנְטֶערְשְׁטֶע מַצָּה אוּן מְ'זָאגְט אַ בְּרָכָה עַל אֲכִילַת מַצָּה אוּן מְ'עֶסְט עֶס אָנְגֶעלַאנְט.

# מָרוֹר

מְ'נֶעמְט אַ כְּזַיִת מָרוֹר אוּן מְ'טוּנְקְט עֶס אֵיין אוּן חֲרוֹסֶת אוּן מְ'זָאגְט אַ בְּרָכָה עַל אֲכִילַת מָרוֹר אוּן מֶעסְט עֶס נִישְׁט אָנְגֶלַאנְט..

# כּוֹרֵךְ

מְ'נֶעמְט צוּזַאמֶען מַצָּה מִיט מָרוֹר אוּן מְ'זָאגְט "זֵכֶר לְמִקְדָּשׁ כְּהִלֵּל" אוּן מְ'עֶסְט עֶס אָנְגֶעלַאנְט

# שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ

מְ'עֶסְט אוּן מְ'טְרִינְקְט אוּן מְ'זִינְגְט לְכָבוֹד יוֹם טוֹב.

# צָפוּן

מְ'נֶעמְט אַרוֹיס דֶע אַפִּיקוֹמָן אוּן מְ'עֶסְט פוּן דֶעם אַ כְּזַיִת אָנְגֶעלַאנְט.

# בָּרֵךְ

מְ'גִיסְט אָן דֶע דְרִיטֶע כּוֹס און מְ'בֶּענְשְׁט.

# הַלֵל

מְ'גִיסְט אָן דֶע פֶערְדֶע כּוֹס און מְזָאגְט הַלֵל.

# נִרְצָה

וֶוער עֶס מַאכְט אַזוֹי דֶע סֵדֶר אִיז בַּאוְוילִיגְט

פַארְן הֵילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

# שירים לחג

- והגדת לבנך ביום ההוא לאמר
- וְהִיא שֶׁעָמְדָה לַאֲבוֹתֵינוּ וְלָנוּ. שֶׁלֹּא אֶחָד בִּלְבָד עָמַד עָלֵינוּ לְכַלוֹתֵנוּ אֶלָּא שֶׁבְּכָל דּוֹר וָדוֹר עוֹמְדִים עָלֵינוּ לְכַלוֹתֵנוּ, וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַצִּילֵנוּ מִיָּדָם:
- בְּצֵאת יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרָיִם. בֵּית יַעֲקֹב מֵעַם לוֹעֵז: דו האסט אונז אויסגלייזט איין מאל....
- פסח אויף דער נאכט ווען די טאטע קומט אהיים פון שיל טוט ער זיך אן דעם קיטל קידוש ער מאכט מיט אן הייליגע געפיל די שכינה אליין מיט די גאנצע פמליה קומען צוגיין און דער אידעלע הייבט אן דעם סיידר הערליך און שיין ער זאגט קדש. ורחץ. כרפס. יחץ. מגיד. רחצה. מוציא מצה מרור. כורך. שולחן עורך צפון. ברך. הלל. נרצה
- מִמִּצְרַיִם גְּאַלְתָּנוּ וּמִבֵּית עֲבָדִים פְּדִיתָנוּ.
- להודות ולהלל טאטע איך דאנק דיר (יענקי דסקל)